## איינקויפן מיט מיין eWIC קארטל

### איר וועט נישט קענען איינקויפט געוויסע עסן נוצענדיג WIC אויב:

- ✓ די עסן פראדוקט איז נישט קיין טייל פון אייער פאמיליע'ס WIC בענעפיטן
- ✓ אייער בענעפיטן זענען אויסגענוצט
- ✓ די עסן פראדוקט איז נישט אויף די WIC-באשטעטיגטע ליסטע

### קען איך קויפן נישט-SIC פראדוקטן אין די זעלבע צייט?

יא. נוצט אייער eWIC קארטל ערשט. דאן צאלט פאר די אנדערע פראדוקטן אן אנדערע וועג. נוצט SNAP, א גיפט-קארטל, קעש אדער א דעביט קארטל.

### וואס איז אויב איך טראכט אז א WIC עסן פעלט פון די WIC-באשטעטיגטע ליסטע?

אויב איר גלייבט אז אן עסן וועלכע איז אויסגערעכענט אין WIC עסנווארג אנווייזונג בוך איז פעלערהאפטיג געווארן אויסגעלאזט פון די WIC באשטעטיגטע ליסטע:

- ✓ רעדט צו די געשעפט
- ✓ רעדט צו אייער לאקאלע WIC אגענטור
- ✓ גייט צו **https://nyswicvendors.com** פרעגט אויב די עסן זאל ווערן צוגעלייגט צו די WIC באשטעטיגטע ליסטע.

### וויאזוי קען איך טרעפן א WIC באשטעטיגטע געשעפט?

- ✓ נוצט **WIC2Go**, די מאבייל עפפ
- ✓ פרעגט אייער לאקאלע WIC אגענטור
- ✓ באזוכט **www.health.ny.gov/wic**
- ✓ באזוכט **www.nyswicvendors.com**

### וואס איז אויב איך דארף אז א צווייטע זאך מאכן מיין WIC איינקויפונגען פאר מיר?

געט נאר אייער eWIC קארטל און PIN צו מענטשן וועם איר געטרויעט.

## זיך אפגעבן מיט מיין eWIC קארטל

### וואס אויב מיין קארטל איז פארלוירן, גערויבט אדער געשעדיגט?

אנלירט אייער קארטל דורך רופן WIC קאסטומער סערוויס אויף **1-844-540-3013**. מאכט אן אפוינטמענט ביי אייער לאקאלע אגענטור צו באקומען א נייע קארטל.

### ווי אזוי געב איך זיך אפ מיט מיין eWIC קארטל?

**טוט:**

- ✓ סעיוון אייער קארטל. איר וועט עס נוצן יעדער מאנאט.
- ✓ האלט אייער קארטל פארזיכערט און ריין
- ✓ האלט די שווארצע שטריך אויף די אונטערשטע זייט ריין פון קראצונגען.

**טוט נישט:**

- ✓ אוועקווארפן די קארטל אויב האט איר גענוצט אלעבענעפיטן. איר וועט נוצן די זעלבע קארטל יעדער מאנאט
- ✓ האלטן די קארטל נעבן מאגענטן אדער עלעקטראנישע געצייג ווי מאבייל טעלעפאנען
- ✓ איבערלאזן די קארטל אין די זון אדער אנדערע הייסע ערטער ווי די דעשבארד פון אייער קאר

### ווען זאל איך רופן קאסטאמער סערוויס?

- ✓ אויב אייער eWIC קארטל איז פארלוירן אדער געגנבעט
- ✓ אויב אייער eWIC ארבעט נישט
- ✓ אויב א צווייטע נוצט אייער eWIC קארטל אן אייער צושטימונג
- ✓ אויב דארפט איר וויסן אייער WIC בענעפיטןבאלאנס אדער אפלויף דאטום
- ✓ אויב איר פארגעסט אייער PIN
- ✓ אויב איר ווילט איבערמאכן אייער PIN
- ✓ אויב איר דארפט הילף מיט אייער eWIC קארטל

די אינסטיטוציע שטעלט צו גלייכע מעגליכקייטן.

# ניו יארק סטעיט eWIC קארטל אנווייזונגען ביך



NEW YORK STATE | WIC Program

# מיין eWIC קארטל און PIN

### וואס איז אן eWIC קארטל?
איר קענט נוצן די קארטל צו קויפן WIC-באשטעטיגטע עסן אין געשעפטן. אייער לאקאלע WIC אגענטור וועט צולייגן אייער פאמיליע'ס בענעפיטן צו אייער קארטל.

### וואס איז א PIN?
פין (PIN) איז די ראשי תיבות פון פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער. עס איז א 4-נומער געהיימע קאוד וועלכע ערמעגליכט אייך צו נוצן אייער WIC קארטל. איר וועט אויסוועלן אייער PIN ווען איר אקטיוויזירט אייער קארטל.

### ווי אזוי באקום איך מיין PIN?
צו אקטיוויזירן אייער נייע eWIC קארטל און שטעלן א PIN, רופט קאסטאמער סערוויס אויף **1-844-540-3013**. וואס איר דארפט וויסן:
- ✓ די 61-נומער eWIC קארטל נומער
- ✓ אונזער פאסט אדרעס זיפ קאוד
- ✓ אייער דאטום פון געבורט

### וויאזוי וועל איך אויס מיין PIN?
איר זאלט אויסוועלן א 4-נומער PIN וועלכע איז גרינג פאר אייך צו געדענקען אבער שווער פאר אנדערע מענטשן צו אויסטרעפן.

### וויאזוי האלט איך מיין PIN פארזיכערט?
- ✓ מאכט זיכער אז קיינער זעהט נישט
- ✓ שרייבט נישט אייער PIN אויף אייער eWIC קארטל
- ✓ האלט נישט די PIN אין אייער בערזל אדער פורס

### וואס פאסירט אויב איך פארגעס מיין PIN אדער דארף עס איבערמאכן?
רופט קאסטאמער סערוויס אויף **1-844-540-3013** אדער באזוכט **www.EBTedge.com**. איר וועט דארפן וויסן אייער דאטום פון געבורט און פאסט אדרעס זיפ קאוד.

### וואס פאסירט אויב איך לייג אריין א נישט ריכטיגע PIN אין די געשעפט?
איר האט 3 מער געלעגנהייטן עס צו אריינלייגן ריכטיג. אויב איז עס אומריכטיג ביי די 4טע געלעגנהייט וועט אייער עקאונט ווערן פארשפארט. איר וועט נישט קענען נוצן אייער קארטל ביז די קומעדיגע טאג. אדער, קענט רופן קאסטאמער סערוויס. זיי וועלן איבערמאכן אייער PIN.

# מיין eWIC קארטל בענעפיטן

### ווי אזוי באקום WIC בענעפיטן אויף מיין WIC עקאונט?
ביי אייער WIC עפוינטמענט, WIC איינגעשטעלטע וועלן צולייגן אייער בענעפיטן צו אייער WIC עקאונט. איר וועט באקומען א ליסטע פון אייער פאמיליע'ס WIC בענעפיטן פאר די קומעדיגע דריי מאנאטן. די ליסטע וועט האבן אנהייב און ענדע דאטומען פאר אייער בענעפיטן.

### דארף איך זיך אייקויפן אלע מיינע WIC בענעפיטן אויף איינמאל?
ניין. איר קענט איינקויפן אייער WIC עסן לויט ווי איר דארפט זיי.

### קען איך איבערנוצן מיין eWIC קארטל?
יא. האלט אייער eWIC קארטל און נעמט עס מיט מיט אייך צו אלע איערע עפוינטמענטס.

### וויאזוי וועל איך וויסן מיין eWIC בענעפיט באלאנס און אפלויף דאטום?
עס זענען דא 5 וועגן איר קענט באקומען די אינפארמאציע:
- ✓ **WIC2Go**, די מאבייל עפפ
- ✓ א לעצטע געשעפט רעסיט
- ✓ באזוכט אייער געשעפט'ס קאסטאמער סערוויס טיש
- ✓ רופט קאסטאמער סערוויס אויף **1-844-540-3013**
- ✓ באזוכט **www.EBTedge.com**

### וואס איז אויב איך האב פראגעס איבער מיינע בענעפיטן? וואס אויב איך דארף טוישן מיינע בענעפיטן אדער מיין בעיבי'ס פארמולע?
פרעגט WIC לאקאלע אגענטורבאאמטע איבער טוישן אייער בענעפיטן אדער בעיבי'ס פארמולע.

### וואס איז WIC2Go?
**WIC2Go** איז א מאבייל עפפ פאר ניו יארק סטעיט WIC אנטיילנעמער. WIC2Go קען אייך העלפן:
- ✓ אויסרעכענען אייער אפוינטמענטס
- ✓ נאכקוקן אייער יעצטיגע מאנאט'ס באלאנס און אפלויף דאטום
- ✓ קוקן פראדוקטן צו זעהן צו זיי זענען WIC-באשטעטיגט **WIC2Go** קען ווערן דאונלאודעד פון די Apple App Store אדער Google Play.

# איינקויפן מיט מיין eWIC קארטל

וויאזוי צו נוצן אייער eWIC קארטל ווען איר קויפט איין.

די טריט קענען זיך טוישן פון געשעפט צו געשעפט.

1. וועלט אויס WIC עסן נוצנדיג אייער WIC שאפינג ליסטע, בענעפיט באלאנס, עקאנאמייזונג ביך, און WIC2Go.
2. וועלט אויס א טשעקאוט ליניע וועלכע אקצעפטירט WIC.
3. לייגט אייער WIC פראדוקטן ערשט, פאר אנדערע.
4. קוקט איבער די אידערמיט-טראנזאקציע רעסיט צו באשטעטיגן WIC בענעפיטן געניצט.
5. פירט אדורך אייער eWIC קארטל און לייגט אריין אייער 4 נומער PIN. טיילט עס נישט מיט מיט געשעפט איינגעשטעלטע.
6. נוצט אן אנדערע וועג צו באצאלן פאר נישט-WIC פראדוקטן.
7. האלט די געשעפט רעסיט און eWIC קארטל פאר די קומעדיגע מאל איר גייט איינקויפן.

